ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים

תשפ"ג

297

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי צוּגֶעבִּינְדְנְקֵייט צוּ מָאוִויס?..................................א

זָאל אִיךְ נוּצְן פְּרָאטֶעקְצְיֶע אַרַיינְצוּלֵייגְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע?.....................ג

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ, נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע?..................................ד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ..................................................א

זָאג פַאר יֶעדְן קִינְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ..................................ב

רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן רֶעדְן אֵיידְל..................................................ב

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מְנִיוָולִים..................................ג

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג אִיז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל..................ד

וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע זוּפּ?..................................................ה

נִישְׁט גֶעלְט אוּן נִישְׁט כָּבוֹד אִיז קוֹבֵעַ דִי שִׁידוּךְ..................................ו

בַּאשוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ..................................ו

וֶוען עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אַ גְלָאז שְׁרֵייט מֶען מִיט פְרֵייד: "מַזָל טוֹב!"..................ז

בִּזְכוּת אֱמוּנָה וֶועט אִיר בְּקָרוֹב גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער..................ח

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן קְרֶעץ?..................................................ט

וִוי אַזוֹי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אוֹיף אוּנְטֶערְוֶועגְנְס..................................יא

אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת..................................................יב

נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן..................................יג

אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַ שְׁרֶעק פוּנֶעם מַאן..................................יד

קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיפְצְווּינְגֶען אוֹיף דַיין וַוייבּ זַאכְן וָואס זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיי דֶעם...... טו
אִיךְ נֶעם נִישְׁט דֶעם זְמַן קַיין בָּחוּרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.............................. טז
מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען אָפְּלֶעבְן אַ חַיִים טוֹבִים ........................ יז
דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אָפְּצוּהִיטְן קִינְדֶער פוּן מְנֻוָּולִים אוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן........יח
לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן..........כ
מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט דָארְט קוֹיפְן אַ דִירָה..............................כ
וֶוען אַ אִידִישׁ קִינְד זָאגְט תְּהִלִּים, הֶערְן זִיךְ צִי אַלֶע מַלְאָכִים........................ כא
וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט מוֹרָא פוּן הִינְט .............................................. כא
שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר מַאכְן צָרוֹת .......................כב
סֵדֶר הַנְּסִיעָה צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אִין פּוֹילְן, פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תשפ"ג................ כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי צוּגֶעבִּינְדְנְקֵייט צוּ מָאוִויס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, וֶוען נִישְׁט דֶעם - וָואלְט מַיין לֶעבְּן גֶעוֶוען פִיל שְׁוֶוערֶער.

אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ גֶעפִין זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין אַן עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער אִין מַיין הוֹיז מֶעג מֶען הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן לֵיידֶער קוּק אִיךְ אוֹיף דֶעם גָאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי בֵּין הַזְּמַנִּים טֶעג וֶוען אִיךְ בִּין מֶער אִינְדֶערְהֵיים - קוּק אִיךְ גָאר אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן דָארְט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן מִיט דֶעם, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם. יֶעדֶעס מָאל אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד לָאז אִיךְ עֶס אָפּ פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ שׁוֹין נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ דֶעם.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר זֶעט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן מִיר אַלֵיין, אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ וֵוייס פָּשׁוּט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעקוּקְט אַ מָאוִוי, זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַלֶע דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת לִיגְן דֶערִין, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְט. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַ חָבֵר וָואס קֶען אַבִּיסְל קַבָּלָה סְפָרִים אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען טַאקֶע תְּשׁוּבָה טוּן אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל פוּן דִי עֲבֵירוֹת וֶוערְן בַּאשַׁאפְן קְלִיפּוֹת אוּן שֵׁדִים אוּן עֶס אִיז דָא

אַ כַּף הַקֶּלַע, און עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, עֶס אִיז מִיר גֶעוְוארְן שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן.

אִיךְ וַויים נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ וַויים נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, אִיךְ וַויים נָאר אֵיין זַאךְ אַז אִיךְ דַארְף וויכְטִיג אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶען פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס אִיךְ לִיג. וָואס טוּ אִיךְ? אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ הֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס, הַרְגֶ׳עֶ נִישְׁט דַיין לֶעבְן. מָאוִויס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְן אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס, מֶען בַּאשַׁאפְט קְלִיפּוֹת, שֵׁדִים און מַזִיקִים וָואס שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ קוּקְן מָאוִויס, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט. מֶען לַיידְט שְׁפֶּעטֶער פוּן דִי קִינְדֶער, און אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית לַיידְט מֶען פוּן מֶענְטְשְׁן. אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט, וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בְּמַחְשָׁבָה - לַיידְט פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בְּדִבּוּר - לַיידְט פוּן דִי וַוייבּ און וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בְּמַעֲשֶׂה - לַיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן; פְרֶעגְט אִיךְ דִיר, לוֹינְט זִיךְ דִי פָּאר מִינוּט תַּעֲנוּג צוּ לַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְן פוּן דִי קִינְדֶער? לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּקְן דִי נַארִישֶׁע אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע מָאוִויס און לַיידְן צָרוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן?!

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנַיוֹת צֶעבְּרֶעכְט תַּאֲווֹת נִיאוּף. אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת טָאג נָאךְ טָאג, דוּ וֶועסְט דָאס טוּן מִיט אַן עַקְשָׁנוּת - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זָאג מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַוְקָא, זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט -

זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן מִיט עַקְשָׁנוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועזְן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו) וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, "רַק הָאֲמִירָה לְבַד", נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִין אַ רֵייעֶ, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין. "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף", אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין – "יָבִין אַחַר כָּךְ", וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער, מִיט דִי צַייט – פַארְשְׁטֵיין, עַיֵּין שָׁם.

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, קוּק נִישְׁט מֶער קַיין מָאוִויס; דָאס אִיז אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן. אַז מֶען לָאזְט אָפּ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז אַהֶער אוּן מֶען הָאט חֲרָטָה – אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל, אוּן אַז עֶס וֶועט דִיר אָנְהוֹיבְּן בְּרֶענֶען צוּרִיק דִי תַּאֲוָה פוּן קוּקְן – זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן. נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאל אִיךְ נוּצְן פְּרָאטֶעקְצְיֶע אַרַיינְצוּלֵייגְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע?

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַרַיינְשִׁיקְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט בַּיי עֶטְלִיכֶע מוֹסְדוֹת, אָבֶּער קֵיינֶער וִויל מִיר נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל בִּכְלַל פְּרוּבִּירְן מִיט פְּרָאטֶעקְצְיֶע אוּן אַנְדֶערֶע וֶועגְן צוּ קֶענֶען אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מוֹסָד?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַוַדַאי! טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת.

קֶענְסְט נוּצְן אוּנְזֶער פְּרָאטֶעקְצְיֶע; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּרָאטֶעקְצְיֶע, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען גֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר זֵיי; ווַייל נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי וֶועג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל דִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים. אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים פְרֶעגְט אִים: ״מִיט אַ בְּרָכָה ווִילְסְטוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער? עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, עֶר ווַייזְט פַאר דֶעם אִיד זַיין מַאמֶע׳ס תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן זָאגְט אִים: ״אַזוֹי הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער״; זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ, נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִיךְ לֵיין עֶס יֶעדֶע וָואךְ פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל, אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִזּוּק אוּן הַדְרָכָה.

אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אַפָּאר יָאר בָּרוּךְ ה' און אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מַיין לֶעבְּן, מַיין מַאן אִיז אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ גֶעטְרַיי צוּ מִיר און עֶר אִיז וואוֹיל און עֶרְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אַסַאךְ מָאל קוּמֶען מִיר אַרוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף זֵיי, און עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר דָאס לֶעבְּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר דָאס צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם.

אַלְס מֵיידְל הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ נָאכְגֶעקוּקְט בָּחוּרִים, בִּפְרַט אֵיין בָּחוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער, און עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ, אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ 'פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שֵׁיינֶער מַאן'.

אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן אָן טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אַ וואוֹילֶער מַאן, אַ גֶעטְרֵייעֶר מַאן; ווִיפִיל פְרוֹיעֶן וָואלְטְן גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, צוּ הָאבְּן אַ מַאן מִיט דִי דְרֵיי מַעֲלוֹת: עֶרְלִיךְ, וואוֹיל און גֶעטְרֵיי; וָואס אִיז שֶׁענֶער ווִי עֶרְלִיךְ, וואוֹיל און גֶעטְרֵיי?! וָואס הָאט מֶען פוּן שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת מִיט אַ שֵׁיינֶע גֶעפּוּצְטֶע בָּארְד? עֶרְלִיךְ, וואוֹיל און גֶעטְרֵיי - דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳, און בֶּעטְס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין חֵן אוֹיף אַייעֶר מַאן, בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין טֵייעֶרֶער מַאן; מַיין מַאן אִיז אַזוֹי גוּט און גֶעטְרֵיי צוּ מִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין חֵן צְווִישְׁן אוּנְז, מַיין מַאן זָאל

הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן חֵן אִין זַיינֶע אוֹיגְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן בְּאַהֲבָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן דָאס מַאכְט מִיר הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס פַּיינִיגְט מִיר, עֶס לָאזְט מִיר נִישְׁט לֶעבְּן, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע אוּן נִישְׁט גְלִיסְטְן צוּ פְרֶעמְדֶע, וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת, מַיין הַארְץ זָאל זַיין רֵיין, מַיין מֹחַ זָאל זַיין זוֹיבֶּער.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה צוּ ווִיסְן אוּן צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר פוּן דִיר, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּן דִיר; אִיךְ, מַיין מַאן אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת - אַלֶעס אִיז דוּ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וַוייל נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר - אִיז מֶען צוּפְרִידְן, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִיר, מֶען טְרַאכְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען בְּעַצְבוּת, אוּן דֶעמָאלְט הוֹיבְּן זִיךְ אָן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת".

דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן דוּרְךְ הוֹדָאָה וֶועט זַיין חֵן צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן צְווִישְׁן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל דִי סִיבָּה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת - אִיז גֶעוֶועזְן נָאר פוּן שִׂמְחָה; עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט יֶעדֶע מִצְוָה כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב, וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט נָארְוָואס פַארְדִינְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט.

צוּ שִׂמְחָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף שִׂמְחָה. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ וָואלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, בֶּעט אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ:

**״בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר״.**

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה אוּן צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

...

**זָאג פַאר יֶעדְן קִינְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז לֶערְנֶען מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. בּוֹי אוֹיף דִי קִינְדֶער, גֶעבּ זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אָן צוּ דִיר זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן. מֶען טְרָאגְט זֵיי פוּן אֵיין טֶערֶעפִּיסְט צוּם צְוֵוייטְן, אוּן אַז זֵיי קוּמֶען אָן צוּ דִיר - דַארְפְסְטוּ נָאר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן מִיט אֱמוּנָה. זָאג פַאר יֶעדְן קִינְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ אוּן 'אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶעט מֶען נִיסִים', וַוייל נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס טֶערֶעפִּי הֶעלְפְט. אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֱמוּנָה אִיז גְנֵיבָה וּגְזֵילָה יֶעדֶע רֶגַע, דִי אַלֶע וָואס שְׁמַאכְטְן זֵייעֶרֶע יָארְן בַּיי טֶערֶעפִּי וֶוערְן בַּא'גַנְבְ'עֶט אוּן בַּארוֹיבְּט פוּן דִי רוֹצְחִים וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי זַיידֶענֶע אִידְן אוּן זַיידֶענֶע אִידֶענֶעס.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ פַאר אַפָּאר מִינוּט אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ. דָאס בְּרֶענְגְט נָאנְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי מֹחַ וֶוערְט קְלָאר, דָאס לֶעבְּן וֶוערְט זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

...

**רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן רֶעדְן אֵיידְל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס שְׁטֵייט (זוהר חדש, לֶךְ לְךָ) וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אֲזַלְנָא לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ גֵיין מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט, וואוּ אִיז דִי שְׁכִינָה? הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט: "בַּיי דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן".

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ זִיצְט מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, דוּ לֶערְנְסְט מִיט דִי קִינְדֶער; אִיךְ בִּין דִיךְ מְקַנֵּא.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, פָּארִיגֶע וָואךְ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה בַּיי עֶנְק, אִיז צוּגֶעקוּמֶען דֶער קִינְד ... נֵרוֹ יָאִיר מִיט אַ שְׁרֶעק אוֹיפְן פָּנִים, אַז עֶס אִיז דָא אַ קִינְד וָואס רֶעדְט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, ווִי 'אִיךְ גֵיי דִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען', 'אִיךְ גֵיי דִיךְ שֶׁחְטְ'ן'; אִיךְ פְּרֶעג אִים: "פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ נִישְׁט צוּם מְלַמֵּד?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט".

אִיךְ בֶּעט דִיר, רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן רֶעדְן אֵיידְל, אוּן בְּרָאק אַרַיין אִין זֵיי 'הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב', אִידִישֶׁע קִינְדֶער נוּצְן דִי קוֹל צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, 'וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו', עֵשָׂו נוּצְט דִי הֶענְט, 'וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶ'; שְׁוֶוערְד, שְׁפִּיזְן, שְׁלָאגְן, שֶׁעכְטְן, הַרְגְ'עֶנֶען; מִיר אִידְן זֶענֶען וַוייט פוּן דִי זַאכְן.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען צוּ דִיר אִין כִּתָּה רֶעדְן פוּן דֶעם צוּ דִי קִינְדֶער, אָבֶּער מַיינֶע פָאר דְרָשׁוֹת וֶועט נִישְׁט אַזוֹי סַאךְ אוֹיסְמַאכְן. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ רֶעדְן אוּן רֶעדְן אָן אַ שִׁיעוּר בִּיז דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

...

### גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מְנִיוָולִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ, זִי זָאגְט אַז אֵיינֶע פוּן דַיינֶע בְּרִידֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אֵיידְל, זִי שְׁפִּירְט נִישְׁט רוּאִיג בַּיי דַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּב. בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר. שְׁטֵיי וַוייט פוּן מְנִיוָולִים, הָאבּ שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַ טֵייעֶר קִינְד, זָאלְסְטוּ אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה - פוּן דָארְט זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער בַּיים סוֹף. נִיבּוּל פֶּה הַרְגְ'עֶט סֵיי דֶער וָואס רֶעדְט אוּן אוֹיךְ דִי וָואס הֶערְן; אַלֶע וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ וואוּ מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה - לַיידְן.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ כָאטְשִׁיג אֵיין בְּרִיוו.

...

## דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג אִיז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בִּילְד אַז מֶען הָאט פַארְבּוֹיט הִינְטֶער דִי טְרֶעפּ אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה. עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט קַיין סַאךְ הֶעלְפְן אַז הִינְטֶער דִי טְרֶעפּ וֶועלְן קִינְדֶער זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בַּאהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית – וֶועלְן זֵיי נִכְשָׁל וֶוערְן אוֹיף דִי טְרֶעפּ אוּן אִין דִי כִּתָּה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

פָאלְג וָואס אוּנְזֶערֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְגְרֵייטְן, סֵיי פַאר זִיךְ אַלֵיינְס; זֵיי זָאלְן וִויסְן נִישְׁט אָנְצוּרִירְן, אוּן סֵיי אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אַ צְוֵוייטֶער וִויל אָנְרִירְן – זָאל מֶען טוּן דְרֵיי זַאכְן: אַנְטְלוֹיפְן, שְׁרֵייעֶן אוּן דֶערְצֵיילְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, זוּךְ נִישְׁט קַיין פוֹילֶע וֶועגְן, רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער; נָאר דָאס אִיז דִי וֶועג.

נָאךְ אַ זַאךְ, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן גָאר אַסַאךְ בְּרִיוו; עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט דָאס צַאמְנֶעמֶען אוּן דָאס דוּרְכְגֵיין כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען טוּן אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט דָארְט.

...

**ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע זוּפּ?**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן, אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַלְט אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ עֶסְן, אֵיין עֶסְן קֶען עֶר פַארְנֶעמֶען, עֶפֶּעס אַ זוּפּ וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעגֶעסְן בַּיי עֶפֶּעס אַ קְרֶעטְשְׁמֶע. מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער צַדִיק וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן גֶעדֶענְקֶען אַ טַעַם פוּן עֶסְן זָאל גֶעדֶענְקֶען אַ זוּפּ פוּן אַ קְרֶעטְשְׁמֶע...

מֶען אִיז שְׁנֶעל אַהִין גֶעגַאנְגֶען, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דִי אָרֶעמֶע פְרוֹי אוֹיבּ זִי קֶען צוּשְׁטֶעלְן דִי זוּפּ ״טֵייגְל יוֹהְךְ״. נָאכְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי זוּפּ הָאט מֶען אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי ווֵיל אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד ווִי אַזוֹי זִי מַאכְט אַזַא גוּטֶע זוּפּ, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין אָרֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי זוּפּ, אִיךְ שְׁטֶעל אַ טָאפּ, אִיךְ לֵייג אַרַיין וַואסֶער אוּן אַבִּיסְל שָׁאלַאכְץ פוּן מֵייעֶרְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ׳גְרוֹיסֶער גָאט, דוּ הָאסְט אַזוֹי סַאךְ גַן עֵדֶן אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ בֶּעט דִיר, לֵייג אַרַיין אִין דִי טָאפּ אַבִּיסְל טַעַם גַן עֵדֶן׳, דָאס אִיז מַיין רֶעסֶעפִּי״.

דֶעמָאלְט הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט אַהִין גֶעשִׁיקְט אוּן אַז עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט דִי זוּפּ אוּן גֶערֶעדְט פוּן דִי זוּפּ; עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִי אַזוֹי מֶען בֶּעט, אוּן וָואס מֶען שְׁפִּירְט נָאכְן בֶּעטְן; מֶען שְׁפִּירְט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן. וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

### נִישְׁט גֶעלְט אוּן נִישְׁט כָּבוֹד אִיז קוֹבֵעַ דִי שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ, הַאלְט זִיךְ פֶעסְט, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט צוּטוּן וֶוער, וָואס אוּן וֶוען, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. קִינְדֶער פוּן צֶעטֵיילְטֶע שְׁטוּבֶּער קֶענֶען גוּט חֲתוּנָה הָאבְן, אוּן קִינְדֶער פוּן אָרֶעמֶע שְׁטוּבֶּער קֶענֶען אוֹיךְ גוּט חֲתוּנָה הָאבְן; נִישְׁט גֶעלְט אוּן נִישְׁט כָּבוֹד אִיז קוֹבֵעַ דִי שִׁידוּךְ, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אִיךְ הָאף צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן.

...

### בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אוּן דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי פָּאר מָאל וָואס אִיר הָאט פַארְלוֹירְן אִינְמִיטְן וַוארְטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט מִיט אוּנְז נָאר גוּטְס. פַארְוָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, פַארְוָואס פִּינְקְט בַּיי מִיר, פַארְוָואס אַהֶער אוּן פַארְוָואס אַהִין - דָאס אַלֶעס קֶענֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מִיר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט.

ווִי מֶער אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זֶען מֶער אוּן מֶער נִיסִים.

בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ; עֶס הָאט נִישְׁט קַיין זִין זִיךְ צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן כְּאִילוּ אִיר הָאט נִישְׁט גֶענוּג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וְכַדוֹמֶה.

נָאכְאַמָאל, דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה, דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע סְגוּלָה אוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכְסְטֶע סְגוּלָה - אִיז תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## וֶוען עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אַ גְלָאז שְׁרֵייט מֶען מִיט פְרֵייד: "מַזָל טוֹב!"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, קְרֶעכְץ נִישְׁט, רֶעד זִיךְ נִישְׁט אָפּ, אֲפִילוּ עֶס שְׁטֶערְט דִיר וְכוּ'. מֶענְטְשְׁן גֵייעְן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים; נָאר פוּן הֶערְן וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעְן אַרִיבֶּער - קֶען שׁוֹין דֶער מֹחַ פְּלַאצְן, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זֶען נָאךְ אוּן נָאךְ נִיסִים.

הַיינְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ מִצַאנְז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף הַיינְט אַרוֹיס צוּ פָארְן קַיין פּוֹילְן אוּן זַיין אִין צַאנְז, מִתְפַּלֵל זַיין בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב. הֲגַם דֶער מִנְהָג אִיז נִישְׁט צוּ גֵיין חוֹדֶשׁ נִיסָן צוּ קְבָרִים; דָאס אִיז נִישְׁט בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים, צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים גֵייט מֶען שְׁטֶענְדִיג.

אַז עֶפֶּעס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם. בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג, וֶוען עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אַ גְלָאז שְׁרֵייט מֶען מִיט פְרֵייד: "מַזָל טוֹב!" דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען עֶפֶּעס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען בְּלַייבְּט פְרֵיילִיךְ - דָאס בְּרֶענְגְט שִׂמְחוֹת, קִינְדֶער אוּן שִׁידוּכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בִּזְכוּת אֱמוּנָה וֶועט אִיר בְּקָרוֹב גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר הָאט פַארְלוֹירְן וְכוּ' - דַארְפְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז אַלֶעס נָאר לְטוֹבָה.

מִיט אֱמוּנָה אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים אַזוֹי וִוי עֶר וִויל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִילוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, גַּם כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵוייטָאג אוּן יְסוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהָבָא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה. "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם", אָבֶער וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל", לֶעבְּט נִישְׁט, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים נִישְׁט קַיין לֶעבְּן. "כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת", וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, "כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל", עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, "מֵאַחַר

שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה - "וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב", הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט, "מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלַן", וַוייל עֶר לֶעבְּט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה, מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ", אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דֶער לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין און זִיס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה, און בִּזְכוּת אֱמוּנָה וֶועט אִיר בְּקָרוֹב גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער; לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי סְגוּלָה פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה; מֶען זֶעט וואוּנְדֶער דוּרְךְ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן קְרֶעץ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף פְּרַייטָאג, הֵייבּ אָן זוּנְטָאג. דִי וָואךְ גֵייעֶן צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת תַזְרִיעַ און מְצוֹרָע; לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, תַּרְגוּם און רַשִׁ"י, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי און אַזוֹי וַוייטֶער. אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שָׁאדְן, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ שְׁמִירָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע.

דִי צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן נְגָעִים און קְרֶעץ לֶערְנֶען אוּנְז ווי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וָואס אִיז דָאס נְגָעִים? וָואס אִיז דָאס קְרֶעץ? דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף צָרַעַת 'סְגִירוּ', פַארְמַאכְט, פַארְשְׁפַּארְט, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט, וָואס אִיז דָאס קְרֶעץ? 'סְגִירוּ דִנְהוֹרָא עִלָּאָה' (פַּרְשַׁת

תַזְרִיעַ, דַף מט עָמוּד ב) עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'סְגִירוּ דְטִיבוּ עִלָּאָה', עֶס אִיז פוּן אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען אַלֶע גוּטְס פוּן אוֹיבְן, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט מֶען דֶערְוַוייטֶערְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען פַארְלִירְט אַלֶע גוּטְס. וָואס אִיז דִי עֵצָה? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן? צוּרִיק שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? זָאגְט דִי תּוֹרָה, דִי עֵצָה אִיז: "וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן וְגוֹ' וְרָאָה הַכֹּהֵן וְגוֹ', אַחֲרֵי הֵרָאוֹתוֹ אֶל הַכֹּהֵן וְגוֹ', לְכָל מַרְאֵה עֵינֵי הַכֹּהֵן וְגוֹ'", מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִיק אוּן טוּן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן אוֹיס קְרֶעצִיג. דֶער צַדִיק עֶפְנְט דִי אוֹיגְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר', מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, בִּיז עֶס וֶוערְט צוּרִיק לִיכְטִיג.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אוֹיךְ אִין דִי בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס דָאס אִיז תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

אִיךְ פָּאר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הַיינְט נַאכְט קַיין פּוֹילְן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר. אִיךְ פָּאר צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הַיינְט אִיז דֶער יָארְצַייט. אִיךְ וֶועל אוֹיךְ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אוּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ פָּאר מִיט אַ גְרוּפֶּע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אוֹיף אוּנְטֶערְוֶועגְנְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דִינוֹב, פוּנֶעם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בְּנֵי יִשָּׂשכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר פָארְן יֶעצְט קַיין רִימְנוֹב אוֹיסְבֶּעטְן יְשׁוּעוֹת בַּיי אַלֶע מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים. אִיךְ בִּין דִיךְ מַזְכִּיר, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט שׁוֹין זֶען אַ יְשׁוּעָה.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה וָואס מֶען טוּט וֶוען מֶען אִיז קְרֶעצִיג, וֶוען מֶען אִיז דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִּיק, מֶען זָאל גֵיין צוּם כֹּהֵן. דֶער צַדִּיק הֵיילְט אוֹיס, עֶר שַׁיינְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ הָאפֶענוּנְג זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיב דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטֶס, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הַיינְט פַארְמִיטָאג אַרוּם צְוֶועלְף אַזֵייגֶער אוּן גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין לִיזֶענְסְק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין שִׁינָאוְוא צוּם הֵיילִיגְן דִבְרֵי יְחֶזְקֵאל, דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין לַאנְצוּט צוּם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב, אוּן פוּן דָארְט קַיין דִינוֹב.

מִיר הָאבְּן נָאךְ אַ לַאנְגֶע רֵייזֶע, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת דָא אוֹיפְן בָּאס צוּ שְׁרַייבְּן. אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת דִי גַאנְצֶע שֵׁיינֶע נְסִיעָה.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר יָא זָאגְן, מִיר הָאט זִיךְ גֶעלוּסְט צוּ פָארְן אוֹיף דִי נְסִיעָה נָאר צוּ זֶען ווִי אַזוֹי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אוֹיף אוּנְטֶערְוֶועגְנְס; ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט זַיינֶע אוֹצְרוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע

סְפָרִים, אוּן דִי דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי חִיזוּק, אוּן אֲפִילוּ דִי וֶוערְטְלֶעךְ אִיז אֵיידְל מָלֵא חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זֶענֶען נֶעכְטְן צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

אוֹיף אַלֶע דַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת זָאלְסְטוּ אָפְּשְׁוַוייגְן, נֶעם עֶס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, נֶעם עֶס אָן אַנְשְׁטָאט פַאסְטְן אוּן אַנְשְׁטָאט מַאכְן סִגוּפִים וְכוּ׳. אַזוֹי וִוי דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוען אַ מִתְנַגֵד הָאט גֶעוָוארְפְן אוֹיף אִים צוֹאָה אוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע זַיינֶע אִיז פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן. דֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיטְן טְשֶׁערִינֶער רָב הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: ״אוֹיף אַ רָב וַוארְפְט מֶען? שֶׁעם זִיךְ!״ הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: ״שְׁוַוייגְן אִיז אוּנְזֶער זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: ׳יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק׳״ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו).

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַוַודַאי זָאל מֶען גֵיין צוּ דִי בֶּעסֶערֶע שְׁפִּיטָאל, אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט מֶער צַייט צוּ פָּארְן.

הָעִקָּר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן; דִי דָאקְטוֹרִים שְׁרֶעקְן אָן, דָאס אִיז זֵייעֶר זַאךְ. זֵיי פַּאסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶס וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַ קִינְד מִיט אַ פֶּעלֶער אַז זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט פָּארְאוֹיס גֶעוְויסְט, דֶערִיבֶּער זָאגְן זֵיי פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס קוּמְט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג, גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין לַחַץ. וַוייל וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען בְּלַחַץ - שְׁפִּירְן דָאס גְלַייךְ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי שְׁפִּירְן ׳עֶפֶּעס גֵייט פָּאר אִין שְׁטוּבּ׳, ׳עֶפֶּעס גֵייט פָּאר מִיט טַאטֶע מַאמֶע׳, אוּן זֵיי וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט; דַארְפְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר עֶנְק. אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן פּוֹילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן שִׁינָאוָוא רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן בְּנֵי יִשָּׂשכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מְרִימָנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן רְמָ״א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וְעוֹד צַדִּיקִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ; אִיךְ הָאבּ בַּיי יֶעדֶע צִיּוּן גֶעבֶּעטְן פַאר אַייךְ בִּפְרָטִיּוּת, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַ שְׁרֶעק פוּנֶעם מַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַלֶע בְּרָכוֹת אִין שְׁטוּב קוּמְט וֶוען עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער מַאן אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ אִיז מְכַבֵּד דֶעם מַאן; דָאס אִיז דִי כְּלִי פַּאר אַלֶע בְּרָכוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, אוּן אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן אָדֶער חָלִילָה וְחַס דֶערשְׁרֶעקְן. רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט, עֶר אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל אַז זַיין פָּנִים אִיז אִים פַארְדְרֵייט גֶעוָוארְן אוּן אוֹיךְ זַיין הַאלְז, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז גֶעשֶׁען וַוייל דוּ הָאסְט נֶעכְטְן נַאכְט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דַיין הַאנְט אוֹיף דַיין וַוייבּ", דֶער אַרִיזַ"ל הָאט אִים גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַ תִּיקוּן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ מְתַקֵּן זַיין; זֶעט מֶען דָאס הַארְבְּקֵייט אֲפִילוּ אַז מֶען דֶערשְׁרֶעקְט נָאר דִי וַוייבּ, וָואס עֶס פַּאסִירְט.

עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס דַיין וַוייבּ הָאט מוֹרָא צוּ רֶעדְן מִיט דִיר, זִי צִיטֶערְט פוּן דִיר וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, דָאס טָאר נִישְׁט זַיין; אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַ שְׁרֶעק פוּנֶעם מַאן. בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אִיר מַאכְן בַּאקְוֶועם, זִי זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ רֶעדְן מִיט דִיר אוּן בֶּעטְן פוּן דִיר זַאכְן וָואס זִי ווִיל.

אַז דוּ בִּיסְט פַארְשְׁפִּילְט וִוי אַ קְלֵיין קִינְד מִיט דַיין שְׁפִּילְצֵייג, דֶעם טֶעלֶעפָאן, אוּן דַיין וַוייבּ זִיצְט אִין שְׁטוּב אוּן שְׁלִינְגְט אִירֶע טְרֶערְן, זִי הָאט דִיר מוֹרָא צוּ בֶּעטְן זָאלְסְט אַוֶועקְלֵייגְן דַיין טוֹי, וַוייל דוּ וֶועסְט אִיר גְלַייךְ זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס פַּאר פַּרְנָסָה - דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט.

דֶעם שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶועל אִיךְ זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוֹיךְ וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

דִי נְסִיעָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אִיךְ בִּין נָאךְ אַבִּיסְל אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ וֶועל מוֹדִיעַ זַיין אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן אַ שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיפְצְווִינְגֶען אוֹיף דַיין וַוייבּ זַאכְן וָואס זִי הָאלְט נִישְׁט בַּיי דֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְפְסְטוּ מַאכְן אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ? אַז דַיין וַוייבּ ווִיל מַאכְן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן פוּן דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר - וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִיט אִיר קְרִיגְן? אֱמֶת עֶס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט, אֱמֶת עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי זַאכְן, אָבֶּער זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי וַוייבּ אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע נַארִישְׁקֵייט אוּן אַסַאךְ מֶער נִישְׁט שֵׂכֶל.

אַז דַיין וַוייבּ ווִיל מַאכְן בִּילְדֶער אוּן זִי ווִיל זִיךְ קוֹיפְן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער פַאר שְׂמְחוֹת, אוּן ווִיל זִיךְ אָנְטוּן אֵיינִיג מִיט דִי מִשְׁפָּחָה - וָואס דַארְף מֶען מַאכְן אַ גַאנְצֶע מִלְחָמָה? וָואס אִיז מִיט דִיר? דָאס אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?!

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אִיר נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן; דִי בִּילְדֶער מִיט דִי קְלֵיידֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳. קוּק ווִי דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט, רֶבִּי חַיִים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (שַׁעַר הַמִצְווֹת, פַּרְשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן בְּגָדִים פַאר זִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ בַּיים עֶסְן - וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶערֶעדְט פַאר זִיךְ - הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר וֵוינִיג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין וַוייבּ הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהָיָה

מַפִּיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", עֶר הָאט אִיר צוּפְרִידְן גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען טוּן; קוּק וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אוּנְז מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס מִיר זֶענֶען נִיטְאַמָאל מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, "אִם רִאשׁוֹנִים כִּבְנֵי אָדָם, אָנוּ כַּחֲמוֹרִים וְכוּ'" (שַׁבָּת קיב:).

עֶס זֶענֶען דָא פְרִישֶׁע מְקֹרָבִים וָואס זֵיי טוּעֶן זִיךְ אַלֵיינְס גוֹרֵם זַיין אַז דִי וַוייבּ זָאל זֵיי דֶערְקוּטְשֶׁען מִיט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. וַוייל אַז מֶען הוֹיבְּט אָן אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף דִי וַוייבּ זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי אוּנְז, וִוי לְמָשָׁל מַאכְן חֲתוּנָה יוּנְג, מַאכְן שֵׁיינֶע פָּשׁוּטְ'עֶ שִׂמְחוֹת פַאר בִּילִיג, לֶעבְּן מִיט זִיךְ, נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, אוּן וֶוען דִי וַוייבּ ווִיל נִישְׁט הֶערְן דִי זַאכְן, אִיר מֹחַ קֶען דָאס נָאכְנִישְׁט נֶעמֶען, זִי ווִיל נָאךְ יָא טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, זִי ווִיל יָא אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שְׁטוּתִים פַאר אַפָּאר שָׁעָה, זִי אִיז נָאךְ אִין גָלוּת בַּיי חַבֶרְטֶ'עס - צְוִוינְגְט מֶען דָאס אַרוֹיף אוֹיף אִיר מִיט כֹּחַ - אִיז דָאךְ אַוַדַאי אַז זִי וֶועט נִישְׁט וֶועלְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֵיי אִיר מְכַבֵּד, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט וֶועט זִי דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן. אַז דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד, דוּ וֶועסְט אִיר נִישְׁט דֶערְקוּטְשֶׁען מִיט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - וֶועט זִי דִיךְ נִישְׁט דֶערְקוּטְשֶׁען וֶועגְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ נֶעם נִישְׁט דֶעם זְמַן קַיין בָּחוּרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּם נִישְׁט קַיין אַמֶערִיקֶע, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אִין אַמֶערִיקֶע, בְּלַייבּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. נֶעם אַן אַרְבֶּעט אוּן לֶערְן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן דְרֵיי זִיךְ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען דָא פַארְוָואגְלְט; אִיךְ נֶעם נִישְׁט דֶעם זְמַן קַיין בָּחוּרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

גֶעב אִיבֶּער אוֹיךְ פַּאר ... עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע. עֶר זָאל אוֹיךְ נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט, אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, אוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען אָפְּלֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, זוּךְ אִין דִי שְׁוֶועריקֵייטְן דָאס בַּאהַאלְטֶענֶע גוּטְס - וֶועלְן אַוֶועקְפַאלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, דִי וֶועג פוּן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אִין דִי צָרָה טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֵייט מַאכְן, עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה); גְלֵייבּ מִיר, מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען אָפְּלֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן אַלֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים.

בַּיים צֵיילְן סְפִירָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, דִי כַּוָּנוֹת פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אִיז: 'יוֹדוּךְ' אוּן 'קְרַ"ע שָׂטָ"ן'; אֶפְשָׁר לוֹמַר, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צֶערַייסְט מֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דֶער שָׂטָן וֶוערְט צֶערִיסְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דֶער לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִינֶעם בָּארָא פַּארְקֶער שׁוּל אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדַּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אָפְּצוּהִיטְן קִינְדֶער פוּן מְנֻוָולִים אוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה. פוּן אֵיין זַייט, וִוי קֶען מֶען זָאגְן פַּאר אַ טַאטֶע 'קוּם נִישְׁט צוּ מִיר אִין שְׁטוּב'? וִוי קֶען מֶען אַרוֹיסְוַוארְפְן אַ טַאטֶע פוּן שְׁטוּב?! פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט אִיר דָאךְ אַלֵיינְס אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת מִיט דִי אֵייגֶענֶע טֶעכְטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה; קֶען מֶען אִים נִישְׁט לָאזְן דָאס טוּן מִיט אַייעֶרֶע טֶעכְטֶער.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן דַארְפְט אִיר וִויסְן, מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן קִינְדֶער זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנִיוָולִים, קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן. אִיךְ זָאג פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ זָאג פַּאר דִי מְלַמְּדִים בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּאר דִי לֶערֶערִינְס אִין בֵּית פֵיגָא - זֵיי זָאלְן רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער קְלָארֶע וֶוערְטֶער: "קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן דַיין גַאנְצֶע פָּאדֶערְשְׁטֶע חֵלֶק קֶערְפֶּער, פוּן דִי בּוֹיךְ בִּיז דִי פִּיס; קֵיינֶער מֵיינְט קֵיינֶער, נִישְׁט טַאטֶע, נִישְׁט מַאמֶע, נִישְׁט אַ בְּרוּדֶער, נִישְׁט אַ שְׁוֶועסְטֶער, נִישְׁט אַ זֵיידֶע אוּן נִישְׁט אַ בַּאבֶּע, אֲפִילוּ אַ דָאקְטֶער קֶען דִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אָדֶער דִיר אוֹיסְטוּן דַיינֶע קְלֵיידֶער, נָאר אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זָאגְן 'דֶער דָאקְטֶער קֶען דִיךְ בַּאקוּקְן', אוּן אוֹיב אֵיינֶער וִויל דִיךְ אָנְרִירְן זָאלְסְטוּ טוּן דְרֵיי זַאכְן 'אַנְטְלוֹיפְן', 'שְׁרֵייעֶן' אוּן 'דֶערְצֵיילְן'; עֶרְשְׁטְנְס אַנְטְלוֹיפְט מֶען, צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְט שְׁרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַ גֶעוַואלְד, אַז יֶענֶער זָאל דִיךְ אָפְּלָאזְן, דְרִיטְנְס, גֵיי דֶערְצֵייל דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דַיינֶע מְלַמְּדִים, דַיינֶע לֶערֶערִינְס, זֵיי זָאלְן זִיכֶער מַאכְן אַז דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט נָאכְאַמָאל".

דָאס לֶערְנְט מֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּן דָאס דַארְפְן אַלֶע עֶלְטֶערְן לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. וַוייל אוֹיב מֶען גְרֵייט נִישְׁט אָן דִי קִינְדֶער - אִיז לֹא יִמָּלֵט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְטְשֶׁעפֶּענֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן. בַּיי אַייךְ אִיז דָאס אַייעֶר טַאטֶע אוּן בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיז דָאס אַ בְּרוּדֶער, אַ שְׁוָואגֶער, אַ

שָׁכֵן, אַן אַרְבֶּעטֶער וְכַדוֹמֶה; מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער קְלָארֶע וֶוערְטֶער, נִישְׁט זֵיי דֶערְשְׁרֶעקְן, אָבֶּער גוּט אָנְגְרֵייטְן.

נָאכְן רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן ווִיסְן אַז דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, דִי קִינְדֶער דַארְפְן נָאכְאַלְץ אַסַאךְ שְׁמִירָה, אוּן וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען חוֹשֵׁד אֵיינֶעם, אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶער דְרֵיידְט זִיךְ נֶעבְן דָאס קִינְד - וֶועלְן דָאךְ עֶלְטֶערְן נִישְׁט זַיין רוּאִיג. אִיז דִי עֵצָה אִיר זָאלְט אִים אַיינְלַיידֶענֶען פַאר אַ מְלַוֶה מַלְכָּה אָדֶער אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה אוּן אַלֶע וֶועלְן זִיצְן אִינְאֵיינֶעם, אִין דִי בִּיסְל צַייט אִיז נִישְׁט צוּ שְׁוֶוער פַאר דִי עֶלְטֶערְן צוּ עוֹמֵד זַיין עַל הַמִשְׁמָר.

נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאט מִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעפְרֶעגְט אַן עֶנְלִיכֶע פְרַאגֶע. עֶר גֵייט צוּ זַיין טַאטֶע אוֹיף שַׁבָּת, זַיין טַאטֶע אִיז גֶע׳גֶט, עֶר לֶעבְט אַלֵיינְס, אוּן עֶפֶּעס שְׁמֶעקְט נִישְׁט גוּט. עֶר זֶעט זַיין טַאטֶע גֵייט מִיט זַיין קִינְד אִין שְׁטִילֶע ווִינְקְלֶען אוּן וֶוען עֶר קוּמְט דָארְט אָן וֶוערְט דֶער טַאטֶע דֶערְשְׁרָאקְן, בְּקִיצוּר דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין מֶער צוּ זַיין טַאטֶע אוֹיף שַׁבָּת, עֶר אִיז נִישְׁט רוּאִיג וֶועגְן זַיינֶע קִינְדֶער.

פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר גֶערֶעכְט, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, וִוי קֶען מֶען אָפְּהַאקְן מִיט עֶלְטֶערְן... אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה עֶר זָאל גֵיין צוּ אַ מְלַוֶה מַלְכָּה אָדֶער אַ נַאכְטְמָאל; אַז מֶען גֵייט פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן מֶען זִיצְט אַלֶע אִינְאֵיינֶעם - אִיז כִּמְעַט נִישְׁט שַׁיָיךְ עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט זָאל פַּאסִירְן, אַזוֹי אִיז מֶען יוֹצֵא דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אַזוֹי זֶענֶען דִי קִינְדֶער אָפְּגֶעהִיטְן.

מִיט אַלֶע עֵצוֹת, מִיט אַלֶע חָכְמָה׳לֶעךְ, מִיט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט - אִיז מֶען נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, נָאר אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר דִי אֵיינִיקְלֶעךְ. וֶוען אִיר צִינְדְט דִי לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן אוּן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער; תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

### לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), דוּ בִּיסְט גוֹרֵס מִשְׁנָיוֹת אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי פִיפְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דַיינֶע סִיוּמִים; וָואס דַארְפְסְטוּ אַן עֵסֶק? דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען אִיז מְסַיֵים - דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען זַיין; פַאר קִינְדֶער, פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים - דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק, אַ סִיוּם; מֶען קְלַאטְשְׁט אוּן מֶען פַּאטְשְׁט, דָאס גֶעבְּט זֵיי דִי גֶעפִיל וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען, דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ בַּר דַעַת, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן דִי זַאכְן; דֶער עֶצֶם זַאךְ אַז ׳אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה׳ - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט דָארְט קוֹיפְן אַ דִירָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אֵיידֶער דוּ וִוילְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה אִין טְבֶרְיָה - זָאלְסְטוּ אַהִין גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ אוֹיף אַ שַׁבָּת. גֵיי קוּקְן אוֹיבּ עֶס אִיז בִּכְלַל אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי פְּלַאץ פַאר עֶנְק אוּן מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת וָואס צוּ טוּן, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט דָארְט קוֹיפְן אַ דִירָה, אוֹיבּ נִישְׁט; אַזוֹי וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. הִתְבּוֹדְדוּת קְלָארְט אוֹיס, מֶען וֵוייסְט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן.

מִיר הָאבְּן זֵייעֶר גוּטֶע מוֹסְדוֹת דָארְט. עֶס אִיז נָאךְ קְלֵיין, בִּבְחִינַת וְהָיָה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זַיין וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּא מְאוֹד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוען אַ אִידִישׁ קִינְד זָאגְט תְּהִלִּים, הֶערְן זִיךְ צִי אַלֶע מַלְאָכִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**... תְּחְיֶ׳, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אַז אִיר הָאט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי פֶערְטֶע מָאל תְּהִלִּים.

זַייט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר זָאגְן תְּהִלִּים, זָאגְט יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים. וַוייל וֶוען אַ אִידִישׁ קִינְד זָאגְט תְּהִלִּים, הֶערְן זִיךְ צִי אַלֶע מַלְאָכִים אוּן אַלֶע זִינְגֶען מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ, וֶועט אִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאֶרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט מוֹרָא פוּן הִינְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**... תְּחְיֶ׳, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר הָאט מוֹרָא פוּן הִינְט - זָאלְט אִיר זִיךְ חַזֶר׳ן דִי וֶוערְטֶער: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר הִיט מִיךְ, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן״; דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן אַוֶועק נֶעמֶען דִי מוֹרָא.

וֶוען מֶען זֶעט אַ הוּנְט און מֶען שְׁרֶעקְט זִיךְ - אִיז נִישְׁט גוּט אַוֶועק צוּ לוֹיפְן, דָאס צֶעטוּמְלְט דִי הִינְט און זֵיי קֶענֶען וֶוערְן ווִילְד. מֶען דַארְף בְּלַייבְּן שְׁטֵיין און גֵיין וַוייטֶער ווִי מֶען גֵייט, און זִיךְ חַזֶר'ן 'אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ'.

אוֹיב מֶען הָאט מוֹרָא פוּן הִינְט - מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, מֶען הָאט אֱמוּנָה אָבֶער מֶען קֶען הָאבְּן שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אִיז אַ זַאךְ וָואס גֵייט אָן קַיין שִׁיעוּר, ווִי מֶער מֶען חַזֶר'ט זִיךְ 'מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין', און ווִי מֶער מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֱמוּנָה - אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט דִי אֱמוּנָה.

בֶּעטְס יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן חַיוֹת, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן הִינְט. אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי און מְדַבֵּר - הַכֹּל לַכֹּל אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ, עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר מַאכְן צָרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט וואוּ מֶען זָאל וואוֹינֶען, דָאס הָאט מִיט דִיר, דַיין וַוייבּ און דַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁל בַּקָּשָׁה, אוּן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג וָואדְרֶענֶען וָואלְט אִיךְ גֶעוָוארֶענְט; מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ קִינְד אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַ בָּחוּר, עֶס אִיז אַ קְלָארֶע אִיסוּר פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ), אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ שְׁלָאגְן מִיט אַ שֶׁעפּ-לֶעפְל; דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דוּ הָאסְט גֶעשְׁלָאגְן דַיין זוּן מִיט אַ שֶׁעפּ-לֶעפְל שׁוֹין צֶען מָאל, דָאס אִיז אָסוּר, דָאס אִיז אַ סַכָּנָה; אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אוּן אָפְּהִיטְן זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט דָאס הֶערְן, קֶען מֶען אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**סֵדֶר הַנְּסִיעָה צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אִין פּוֹילְן, פָּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע**
**תשפ״ג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין פָארִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג גֶעפָארְן קַיין פּוֹילְן, פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים. מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אַ חֲבוּרָה פוּן זֶעכְצִיג חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דַיין שְׁוָואגֶער הָאַבְרֵךְ אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר הָאט דָאס צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט. דָאס אִיז שׁוֹין דִי צְוֵוייטֶע יָאר וָואס עֶר מַאכְט אַ נְסִיעָה פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין אַ גֶעוִויסֶע סְכוּם בַּיי דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין לְטוֹבַת אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

**קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג בְּעֵרֶךְ פִינְף אַזֵייגֶער בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן שְׁטֶעטְל צוּם עֶירְפָּארְט מִיט הָאַבְרֵךְ אֱלִי׳ קְנָאל נֵרוֹ יָאִיר, מִיר הָאבְּן דוּרְכְגֶערֶעדְט אוֹיפְן וֶועג אַלֶע פְּלֶענֶער וֶועגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאלְט דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן דֶער צְוֵוייטֶער טָאג זוּנְטָאג. ווִי עֶס זֶעט יֶעצְט אוֹיס וֶועל אִיךְ שׁוֹין פָּארְן מָאנְטָאג

נאכט, הֱיוֹת עֶס איז יעצט אינמיטן די מִלְחָמָה און מען קען נישט פארן קיין אוקריינא מיט אַן עראפלאן, מען קען נאר אריינקומען אויפן ערד, קומט אויס אַז די נְסִיעָה איז אַ לענגערע, און אַז מען פארט דינסטאג נאכט קומט מען ערשט אָן דאנערשטאג, און איך וויל זיין אין אומאן אַ נאכט פאר זְכוֹר בְּרִית, וועל איך מיטן אייבערשטנ'ס הילף פארן מאנטאג נאכט ב' סְלִיחוֹת, און צוריק קומען מאנטאג הַאֲזִינוּ צום גַדְלִי'.

נוּאַרְק

מִנְחָה האב איך געדאווענט אין שטעטל, מַעֲרִיב האבן מיר געדאווענט אין עירפארט. דוּדִי לאקס איז געווען בַּעַל תְּפִלָּה, מען האט געציילט סְפִירָה, י"א לָעֹמֶר. אין עירפארט האבן מיר געטראפן אַסאך אידן וואס פארן קיין פוילן פועל'ן יְשׁוּעוֹת. מיר האבן געטראפן אַ גרופע בָּחוּרִים פון די סאטמערע יְשִׁיבָה פון קִרְיַת יוֹאֵל, זיי זענען געפארן מיט אַ זון פונעם סאטמערער רָב פון קִרְיַת יוֹאֵל. איך האב געשמועסט מיט אים, איך האב אים געזאגט אַז פונקט נעכטן האט מיין שווער שְׁלִיטָ"א מיר געזאגט אַז דער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פון סאטמער האט זייער שטארק אָנגענומען די ווערטער פון קַב הַיָּשָׁר (פֶּרֶק פח) אַז חוֹדֶשׁ נִיסָן גייט מען נישט אויף קְבָרִים; לְמַעֲשֶׂה זע איך אַז אַ גרופע סאטמערע בָּחוּרִים פארן, זע איך אַז צו קִבְרֵי צַדִּיקִים קען מען יא פארן.

אויפן פליגער האב איך געזען אַ מאדנע זאך, עס איז געקומען צו מיר אַ איד, ער איז געזיצן אין בִּיזְנֶעס קלאס. זיין פַּרְנָסָה איז, זיין אַ גַבַּאי פאר אַן עֲרֵל וואס האט בִּילִיאָנען דאלער, און דער עֲרֵל ווייסט זיך נישט וואו אַהין צו טון אויף דער וועלט, עס איז אים נִמְאָס דאס לעבן, איז דעם איד'ס פַּרְנָסָה צו זאגן פארן עֲרֵל יעדן טאג וואו צו גיין, וואו צו קומען און וואס צו טון. מיר האבן געזען מַמָּשׁ דעם רֶבִּינְ'ס ווערטער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סד) אַלע עֲשִׁירִים זענען מְשׁוּגָעִים, און וואס מוֹהֲרַ"ש זאגט וועגן עֲשִׁירוּת, ווער איז רייך און וואס מיינט רייך; פון געלט האט מען גארנישט, מען ווערט מְשׁוּגָע פונעם טאג, מען האט נישט קיין טַעַם אינעם לעבן, נאר תּוֹרָה מאכט פרייליך, נאר דער וואס איז עוֹסֵק מיט מִצְוֹת - דער איז אַ צופרידענער.

דַיין שְׁוָואגֶער הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַריינְשְׁרַייבְּן פַאר אַלֶע חֲבֵרִים וָואס קוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה אַפָּאר וֶוערְטֶער אִין אַ תְּהִלִים וָואס עֶר גֶעבְּט פַּאר אַ מַתָּנָה. עֶס הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַסַאךְ שָׁעוֹת, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעיָאגְט צוּ שְׁרַייבְּן נָאר פַּאר הַאלְבּ. נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ אַבִּיסְל גֶעשְׁלָאפְן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית.

### רֵיישָׁא

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּעֶרֶךְ צְוֶועלְף אַזֵייגֶער קַיין רֵיישָׁא, מִיר זֶענֶען אַלֶע אַרוֹיף אוֹיף אַ בָּאס פוּן צְוֵויי שְׁטָאק, מֶען הָאט אַבִּיסְל גֶעוַוארְט אַז דִי פֶּעקְלֶעךְ זָאלְן אָנְקוּמֶען.

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַפָּאר אִינְגֶעלַייט אַנְטֵייל נֶעמֶען מִיט דִי נְסִיעָה, מֹשֶׁה רָאזֶענְבֶּערְג אוּן חַיִים יַאקָאבָּאוִויטְשׁ. אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַפָּאר אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דִי כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט הָרַב הֶערְשְׁל בּוֹים אוּן הָרַב יְחֶזְקֵאל שַׁארְף, אוֹיךְ לֵייבִּי אַפֶּעל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זֵיי אַלֶע.

### לִיזֶענְסְק

מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין לִיזֶענְסְק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דָאס עֶרְשְׁטֶע זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה; אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין דִי קַאלְטֶע בּוֹר, וַוייל בַּיי דִי הֵייסֶע בּוֹר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעצִינְדְן דִי פִילְטֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גְלַייךְ גֵיין צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דֶער עוֹלָם וִויל גֵיין אִינְאֵיינֶעם, אוּן רוֹב עוֹלָם אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, וֶועל אִיךְ גֵיין מִיט זֵיי עֶסְן אוּן נָאכְדֶעם גֵיין צוּם צִיוּן.

בַּיים צִיוּן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַּאר אַלֶע וָואס דַארְפְן יְשׁוּעוֹת.

### אוֹיפְן וֶועג פוּן לִיזֶענְסְק קַיין שִׁינָאוָוא

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין שִׁינָאוָוא. אוֹיפְן וֶועג אִיז גֶעוֶוען

שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן.

עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעשְׁטֶעלְט פְרַאגֶעס. אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט: "וָואס מֵיינְט זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם צַדִיק?" זֶענֶען מִיר אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן - דַארְפְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין וֶועג פַאר אִים צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף עֶר הָאבְּן בִּיטוּל צוּם צַדִיק אוּן ווִיסְן "אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט 'נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ' - אִיז דָאס מַמָּשׁ אַזוֹי", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט.

דֶער שְׁמוּעֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב, וַוייל אִינְמִיטְן וֶועג הָאט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעזָאגְט מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן אַז עֶס אִיז אִים אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין, עֶס אִיז אִים אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אַז עֶר קֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף פַאלְן. עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז בַּיי אִים נָאךְ מֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּהֶערְן פּוֹגֵם זַיין.

מִיר הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, אַז וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָא בָּזֶה הָעוֹלָם קַיין שׁוּם לִיכְטִיגְקֵייט - דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז עֶס וֶועט זַיין (וַיִּקְרָא כב, ז): "וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר, וְאַחַר יֹאכַל מִן הַקֳּדָשִׁים", נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט עֶר זֶען וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה', אוֹת מב).

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַזַא רַחְמָנוּת'דִיגֶער רֶבִּי וָואס מִיר הָאבְּן; עֶר וַוייזְט פַאר אוּנְז אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת וָואס מִיר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען טוּן, גְרִינְגֶע עֵצוֹת; מִיר דַארְפְן נָאר פָאלְגְן, מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועג; אוֹיבּ מִיר וֶועלְן פָאלְגְן - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ) דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת קֶען מֶען וֶוערְן אַ

גְרוֹיסֶער צַדִיק; דֶער עִיקָר וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אִיז דִי חִיזוּק פוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדַאסְנֵיי און נִישְׁט קוּקְן וָואס אִיז גֶעוֶוען.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ פְּרַאגֶע, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִידוֹת (אוֹת בְּשׂוֹרָה, סִימָן ב): "אַל תְּבַשֵּׂר בְּשׂוֹרָה רָעָה, כִּי מֵחֲמַת בְּשׂוֹרָה רָעָה מֵתוּ כַּמָּה נְפָשׁוֹת", מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע נֵייעֶס, וַוייל דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע נֵייעֶס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן גֶעשְׁטָארְבְּן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְּבַשֵּׂר בְּשׂוֹרוֹת רָעוֹת, נוֹפֵל לְמֹחִין דְּקַטְנוּת", מֶען פַאלְט אִין מוֹחִין דְקַטְנוּת דוּרְךְ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְטֶע נֵייעֶס; דֶערִיבֶּער פַארְצֵיילְט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיין וַוייבּ הֶערְט דִי נֵייעֶס וֶוערְט זִי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט דֶערְצֵיילְט. אוֹיף דֶעם אִיז דִי עֵצָה צוּ דֶערְצֵיילְן אוֹיף אַ וֶועג אַז יֶענֶער זָאל דָאס אַלֵיינְס כַאפְּן, מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס הַאלְבְּוֶועגְס בִּיז מֶען כַאפְּט אַלֵיינְס.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס מֶען מַאכְט אַוֶועק צוּ קוֹיפְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אַוֶועקְלֵייגְן עֶפֶּעס אַ קֶרֶן פַאר דִי קִינְדֶער? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מִיר גֶעפִינֶען (עֵירוּבִין נד.) דֶער אֲמוֹרָא רַב הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רַב הַמְנוּנָא: "בְּנִי, אִם יֵשׁ לְךָ", מַיין קִינְד אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעלְט, "הֵיטֵב לְךָ", נוּץ עֶס פַאר דִיר, "שֶׁאֵין בִּשְׁאוֹל תַּעֲנוּג", וַוייל אִין קֶבֶר הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן גֶעלְט, "וְאֵין לַמָּוֶת הִתְמַהְמֵהַּ", און מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ לֵייגְן גֶעלְט. "וְאִם תֹּאמַר, אַנִּיחַ לְבָנַי חֹק", אוֹיבּ וֶועסְטוּ טְרַאכְטְן אִיךְ וֶועל אַוֶועק לֵייגְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶסְן, קוֹדֶם כָּל: "בִּשְׁאוֹל מִי יַגִּיד לָךְ", וֶוער וֶועט דִיר מוֹדִיעַ זַיין אִין קֶבֶר אַז דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן טַאקֶע דִי גֶעלְט און זֵיי נוּצְן דָאס? און נָאךְ אַ זַאךְ, "בְּנֵי הָאָדָם דּוֹמִים לְעִשְׂבֵי הַשָּׂדֶה", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי וִוי גְרָאז און בְּלוּמֶען, "הַלָּלוּ נוֹצְצִין", דִי שְׁפְּרָאצְן, "וְהַלָּלוּ נוֹבְלִין", און דִי שְׁטַארְבְּן. זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל הַלָּלוּ נוֹצְצִין): "כְּשֶׁהֵן גְּדֵלִין", וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן, "גְּדֵילָה פַּרְנָסָתָן", וַואקְסְט זֵיי דִי פַּרְנָסָה, "וְעוֹשְׁרָן עִמָּהֶן", זֵיי וֶוערְן רַייךְ, "וְאֵינְךָ צָרִיךְ לְהִדָּאֵג עֲלֵיהֶן", און מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר זֵיי.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּעֲנוּג, אַ גֶעשְׁמַאק - צוּ פַארבְּרֶענְגֶען מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אוּנְטֶערְוֶועגְנְס וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, הוּנְגֶערִיג אוּן מִיד - קֶען מֶען מֶער זֶען וֶוער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי פִּירְט עֶר זִיךְ; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט מֶען גֶעהֶערְט שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ נָאךְ אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער - אוֹיבּ מֶען זָאל גֵיין צוּ דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס זֵיי זָאלְן הֶעלְפְן. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם פָּארְפָאלְק, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין זֵיי אַלֵיינְס; אוֹיבּ אִיז דֶער מַאן אוּן דִי וַוייבּ שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי הֶעלְפְן, זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה - דֶעמָאלְט הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ גֵיין צוּ זֵיי, אַ שָׁאד דִי צַייט, אַ שָׁאד דִי קָאפּ וֵויי, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין קִינְדֶער, קִינְדֶער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דִי וַוייבּ זָאגְט זִי וִויל גֵיין צוּם דָאקְטֶער אָדֶער צוּ דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס, זִי וִויל טוּן עֶפֶּעס - דֶעמָאלְט גֵייט מֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרַאגֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, פְרַאגֶעס וָואס אִיז נִישְׁט נוֹגֵעַ אוֹיף לְמַעֲשֶׂה. אֵיינֶער פְרֶעגְט, עֶר זֶעט אִין דִי בְּרִיוו וִוי מֶען זָאגְט פַאר אֵיינֶעם עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַאר אַ פְרוּי צוּ דְרֵייוְון אַ קַאר, אוּן אִין גֶעוִוּיסֶע בְּרִיוְון זֶעט מֶען אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן נִישְׁט דְרֵייוְון; פוּן דִי פְרַאגֶעס הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט, דָאס אִיז נִישְׁט נוֹגֵעַ פַארְן כְּלַל.

אֵיינֶע פוּן דִי פְרַאגֶעס אִיז גֶעוֶוען אוֹיבּ מַאכְן גֶעלְט אִיז אַ סְתִירָה מִיט וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַאַ"שׁ אַז מֶען דַארְף נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זִכָּרוֹן בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקא). נָאר וָואס דֶען, זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף דִי גֶעלְט אוּן נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי גֶעלְט; פַארְלָאזְן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן דַארְף מֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ בֶּעטְן אַ רֶעוַח פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת אִיז אַ חִסָּרוֹן

אִין אֱמוּנָה, וַוייל פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, מֶען מֶעג בֶּעטְן אַ רֶעיז אוּן מֶען מֶעג טוּן זַאכְן פַאר פַּרְנָסָה, דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאר קוּקְן צוּ אִים.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ נֶעמֶען לְכַתְּחִילָּה פַאר פַּרְנָסָה 'גֵיין נָאךְ גֶעלְט'; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט. וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן זִיצְט אוּן לֶערְנְט אוּן הָאט נִישְׁט צוּ לֶעבְּן - מֶעג עֶר עַל פִּי הֲלָכָה גֵיין צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר זִיךְ, אָבֶּער אֵיינֶער זָאל גָארְנִישְׁט טוּן מִיטְן טָאג, שְׁלָאפְן בִּיזְן טָאג אַרַיין אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן לֵיידִיג, אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

מֶען דַארְף בַּאמֶערְקְן אַז הֲפָצָה אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט - אִיז צְוֵויי זַאכְן. וֶוען עֶס קוּמְט צוּ הֲפָצָה אִיז דָאס נִישְׁט קַיין זַאךְ פוּן שְׁנָארְן, דָאס אִיז מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת אַז מְפִיצִים זֶענֶען בְּחִינַת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בְּשׂוֹרָה, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא רָגִיל לוֹמַר בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת, הוּא נִתְלַבֵּשׁ מִבְּחִינַת אֵלִיָּהוּ", וֶוער עֶס דֶערְצֵיילְט גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת - וֶוערְט עֶר אַ בְּחִינָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא; קוּמְט אוֹיס, אַז דִי מְפִיצִים וָואס גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת, זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס דָארְט שְׁטֵייט גוּטֶע נַייעֶס, אַז מֶען קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק - זֶענֶען זֵיי אַלֶע בִּבְחִינַת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר תְּרוּמָה, (קכח עַמּוּד ב): "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים

לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֵחֲמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

## שִׁינָאוָוא

בַּיים הֵיילִיגְן שִׁינָאוָוא רַב הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף וָואס עֶר דַארְף, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן יְשׁוּעוֹת.

עֶס אִיז נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען דִי פְּרַאגֶע ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִּיק, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּזְכוּת דֶעם צַדִּיק אָדֶער מֶען בֶּעט דֶעם צַדִּיק זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דִי פְּרַאגֶע פְרֶעגְט מֶען אַלֶעמָאל וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַ נְסִיעָה. דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים, "לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם" - זָאל מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוֹיךְ קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם צַדִּיק זָאל בֶּעטְן פַאר אִים.

## לַאנְצוּט

פוּן שִׁינָאוָוא זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין לַאנְצוּט צוּם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָבְּ'ס צִיוּן. מִיר הָאבְּן בַּאטְרַאכְט דִי נוּסַח הַמַּצֵּבָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב הָאט גֶעהֵייסְן שְׁרַייבְּן: "יָחִיד בְּדוֹרוֹ בְּחָכְמַת אֱלֹקִים", מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעבֶּעטְן זַיינֶע בַּקָשׁוֹת.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה אִין לַאנְצוּט אִין דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים שְׁטִיבְּל.

אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אַ חֵלֶק נְסִיעָה אוֹיבְן אוֹיפְן בָּאס און אַ חֵלֶק נְסִיעָה אוּנְטְן, אַז אַלֶע זָאלְן קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט רוֹב וֶועג אִין אַ מֵייק, אַלֶע הָאבְּן גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן דִי שְׁמוּעֶסְן דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע וֶועג.

**וֵויינֶען בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים**

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף נִישְׁט וֶועלְן וֵויינֶען און נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף הִתְעוֹרְרוּת. דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג וֶוען מֶען פָּארְט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, מֶען עֶרְוַוארְט צוּ הָאבְּן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי דִי הֵיילִיגֶע פְּלֶעצֶער, מֶען עֶרְוַוארְט צוּ קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, און הֱיוֹת מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, מֶען עֶסְט נִישְׁט און מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט - פַארְמַאכְן זִיךְ דִי גֶעפִילְן, און אַז מֶען וַוארְט צוּ קֶענֶען וֵויינֶען און מֶען וֵויינְט נִישְׁט - וֶוערְט מֶען אוֹיס מֶענְטְשׁ.

מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צה): "שֶׁכְּשֶׁהָאָדָם אוֹמֵר תְּחִנּוֹת וּבַקָשׁוֹת וְחוֹשֵׁב בְּלִבּוֹ וּמְצַפֶּה שֶׁיִּבְכֶּה, זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה אֵינָהּ טוֹבָה", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ צוּ טְרַאכְטְן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען גֵייט מֶען שׁוֹין קֶענֶען וֵויינֶען, "וְהִיא מְבַלְבֶּלֶת גַּם כֵּן אֶת דַּעְתּוֹ", אוֹיךְ טוּט דָאס שְׁטֶערְן דָאס הִתְבּוֹדְדוּת. "כִּי מֵחֲמַת זֶה אֵינוֹ יָכוֹל לוֹמַר הַבַּקָשׁוֹת בְּלֵב שָׁלֵם בִּשְׁלֵמוּת", מֶען קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, "כִּי צְרִיכִין בִּשְׁעַת אֲמִירַת תְּחִנּוֹת וּבַקָשׁוֹת לְהַרְחִיק מֵעַצְמוֹ כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת חוּץ שֶׁבָּעוֹלָם רַק לְכַוֵּן דַּעְתּוֹ אֶל הַדִּבּוּרִים, שֶׁהוּא מְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, וְאָז מִמֵּילָא בְּקַל יִתְעוֹרֵר לִבּוֹ עַד שֶׁיָּבוֹא לִבְכִיָּה גְּדוֹלָה בֶּאֱמֶת", וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען לֵייגְן אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין דֶער זַייט און נָאר אִינְזִין הָאבְּן דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט. דָאס אַלֵיינְס, אַז מֶען לֵייגְט צוּ מֹחַ מַחֲשָׁבָה צוּ וָואס מֶען בֶּעט - דָאס מַאכְט מֶען זָאל קֶענֶען וֵויינֶען, "אֲבָל כְּשֶׁחוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה עַל זֶה שֶׁיִּבְכֶּה, אֲזַי זֶה וָזֶה אֵינוֹ עוֹלֶה בְּיָדוֹ", אָבֶּער אוֹיבּ מֶען שְׁטֵייט און מֶען וַוארְט 'וֶוען גֵיי אִיךְ קֶענֶען

וֵויינֶען ?׳ - פַארְלִירְט מֶען בֵּיידֶע זַאכְן, "כִּי הָאֲמִירָה בְּעַצְמָהּ נִתְבַּלְבְּלָה עַל יְדֵי זֶה, כִּי זֶה שֶׁחוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה שֶׁיִּבְכֶּה הוּא גַּם כֵּן בְּחִינַת מַחֲשָׁבָה זָרָה שֶׁמְּבַלְבֶּלֶת, הַכַּוָּנָה שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִשְׁמֹעַ הֵיטֵב מַה שֶּׁהוּא מְדַבֵּר עַל יְדֵי זֶה", דִי הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס בֶּעטְן - וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אִינְזִין וָואס עֶר זָאגְט אוּן עֶר בֶּעט; דִי מַחֲשָׁבָה פוּן וַוארְטְן ׳וֶוען גֵיי אִיךְ קֶענֶען וֵויינֶען ?׳ - דָאס אִיז אוֹיךְ אַ מַחֲשָׁבָה זָרָה, "כִּי הָעִקָּר לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת אֲחֵרוֹת כְּלָל", וַוייל דֶער עִיקָר אִיז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט, "וְאִם יִזְכֶּה לִבְכִיָּה בֶּאֱמֶת מַה טוֹב וְאִם לָאו לָאו, וְלֹא יְבַלְבֵּל אֲמִירָתוֹ בִּשְׁבִיל זֶה", אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֵויינֶען - אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז וַוייטֶער גוּט.

**דִינוּב**

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין דִינוּב צוּם הֵיילִיגְן בְּנֵי יִשָּׂשכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִי גַאנְצֶע וֶועג זֶענֶען גֶעזִיצְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע סְפָרִים, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ. אִיךְ פְּלֶעג מְשַׁמֵּשׁ זַיין מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ פְּלֶעג אִים בַּאדִינֶען, פָארְן מִיט אִים נְסִיעוֹת. בַּיי אִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דִי זַאךְ פוּן לֶערְנֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, עֶר הָאט מִיר אַלְץ גֶעזָאגְט בַּיים זִיךְ פַּאקְן דִי פֶּעקְלֶעךְ אֵיידֶער אַ נְסִיעָה: "פַּאק מִיר אַיין אַ קְלֵיין חוּמָשׁ׳ל, אַ מִשְׁנָיוֹת׳ל, אַ תִּיקוּנִים וְכוּ׳ וְכוּ׳"; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט ׳מַיין זֵיידֶע אִיז אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, אָבֶּער אִיךְ, אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ אִיךְ לֶערְן נִישְׁט אוֹיפְן וֶועג׳, סְתָּם מֶענְטְשְׁן, פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ ווִי מִיר זֶענֶען - וֶוער לֶערְנְט אוֹיפְן וֶועג? פְּרֶעג נָאךְ שְׁטֶערְקֶער ׳וֶוער לֶערְנְט אִינְדֶערְהֵיים, נָאךְ אֵיידֶער אַרוֹיסְפָארְן אוֹיפְן וֶועג ?׳

דָאס צוּ זֶען, ווִי אַלֶע זִיצְן מִיט זֵייעֶרֶע סְפָרִים - אִיז פַאר מִיר גֶעוֶוען דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ. דֶער זִיצְט מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ צְוֵויטֶער מִיט דִי קוּנְטְרֵס ׳בַּ׳י׳ת׳ נִצְחִי׳ - בַּ׳בְלִי יְ׳רוּשַׁלְמִי תְ׳וֹסֶפְתָּא, אַ דְרִיטֶער מִיט אַ תִּיקוּנֵי זוֹהַר.

מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת. אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען זָאגְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז טַאטִי אוּן

מַאמִי מֶעגְן עֶסְן אַ גֶעווִיסֶע הֶכְשֵׁר, אָבֶער דִי קִינְדֶער טָארְן דָאס נִישְׁט עֶסְן? מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁמֵייכְלְט, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַזַא זַאךְ?! קִינְדֶער גֵייעֶן דָאךְ נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַזַא סָארְט חִינוּךְ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא, אוֹ דַּאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵּיהּ", וָואס אַ קִינְד עֶסְט אוּן וָואס עֶר טוּט, אִיז עֶס אָדֶער פוּן דִי טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע; חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ – וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אִים נָאכְמַאכְן. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ז) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לד, א): "וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה", דִינָה אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב זִיךְ דְרֵייעֶן אִין דִי גוֹי'שֶׁע גַאסְן, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אִיר 'בַּת לֵאָה' – דִי טָאכְטֶער פוּן לֵאָה, פַארְוָואס נִישְׁט דִי טָאכְטֶער פוּן יַעֲקֹב? נָאר ווִיבַּאלְד זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי וֶועג פוּן אִיר מַאמֶע, זִי הָאט גֶעזֶען אִיר מַאמֶע אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס אִיז זִי אוֹיךְ אַרוֹיס אִין גַאס, פוּן דֶעם זֶעט מֶען וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "כְּאִמָּהּ, בִּתָּהּ", אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ – אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי קִינְדֶער.

### רִימְנוֹב

עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁאֵלוֹת אוֹיבּ מֶען זָאל שׁוֹין פָארְן קַיין קְרָאקָא עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן אָדֶער וַוייטֶער אַרַיינְכַאפְּן אוֹיפְן וֶועג נָאךְ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים. לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מִיר וַוייטֶער גֶעפָארְן פוּן דִינוּב קַיין רִימְנוֹב צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעצִינְדְן אַ לִיכְט לִזְכוּת מְנַחֵם מֶענְדְל בֶּן יוֹסֵף, דֶער צַדִיק הָאט דָאךְ מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט צִינְדְן אַ לֶעכְט פַאר זַיין נְשָׁמָה – וֶועט עֶר אִים אַ טוֹבָה טוּן. אוֹיךְ זֶענֶען מִיר אַרַיין אִינֶעם אוֹהֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי הֶערְשׁ מְרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעזִינְגֶען זַיינֶע לִידֶער, דִי הַארְצִיגֶע נִיגוּן וָואס מִיר זִינְגֶען יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיי אַהֲבָה רַבָּה, אוֹיךְ דִי נִיגוּן וָואס מִיר זִינְגֶען בַּיי תְּפִילַת טַל אוּן תְּפִילַת גֶשֶׁם; הַארְצִיגֶע נִיגוּנִים, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען אִידִישֶׁע נִיגוּנִים.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אִין רִימְנוֹב, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען פַאר חֲצוֹת, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן. מֶען הָאט יֶעצְט גֶעבּוֹיט דָארְט אַ שֵׁיינֶעם

בִּנְיָן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, מֶען הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה. חַיִּים מֵאִיר עֶרְפְּס אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, מִיר הָאבְּן גֶעצֵיילְט סְפִירָה י"ב לָעֹמֶר, הוֹד שֶׁבִּגְבוּרָה.

אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן מִיר וַוייטֶער גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת. אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר קֶען טוּן, זַיין וַוייבּ זָאגְט אִים עֶר זֶעט נִישְׁט אוֹיס שֵׁיין; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען וֶוער עֶס פְרֶעגְט דִי פְרַאגֶעס, וַוייל מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבְּן שְׁאֵלוֹת אוֹיף צֶעטְלֶעךְ אוּן אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט. דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶר זָאל גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז אַ תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס דִי וַוייבּ הָאט; אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶוערְן אַלֶע טַעֲנוֹת בָּטֵל.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, נָאר אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת - קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה. דֶערִיבֶּער פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי קֶען עֶר אַרָאפְּוַוארְפְן בֵּיידֶע אִין עֲבֵירוֹת. אַזוֹי שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג), אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר", דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, "שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ - כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

### צַאנְז

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין צַאנְז צוּם הֵיילִיגְן דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי דְרֵיי טֶעג פוּן דִי יָארְצַייט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר

גֶעבֶּענְקְט צוּ קוּמֶען קַיין צַאנְז. אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל אִין צַאנְז, וַוייל אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין סַאטְמֶער, מַיין בְּלוּט אִיז סַאטְמֶער אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פַאר אַ תַּלְמִיד פוּן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב.

בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן גֶעבֶּעטְן אוּנְזֶערֶע בַּקָּשׁוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אִין צַאנְז, אִיךְ הָאבּ מַזְכִּיר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב אַז בַּיי אוּנְז אִין דִּי קְהִילָּה קְהַלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - שֶׁערְן זִיךְ דִּי פְרוֹיעֶן דִּי הָאר נָאךְ דִּי חֲתוּנָּה. מִיר הָאבְּן אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחוֹת, דִּי פְרוֹיעֶן זֶענֶען אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן, אוּן אַלֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת שֶׁערְן זִיךְ דִּי הָאר, נִישְׁטָא אֵיין תַּלְמִידָה וָואס זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִּי הָאר. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת אַלֶע זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

דָארְט אִיז דָא אַ וַוארֶעמֶע הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָארְט מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען מִיט אַבִּיסְל וַוארֶעמֶע זוּפּ. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם בַּעַל הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן אִים שֵׁיין בַּאגְרוּסְט.

## קְרָאקָא

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין קְרָאקָא, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ שָׁעָה פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר. עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען צַייט צוּ עֶסְן, מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן אַ סְעוּדָה, חַלָּה מִיט פִישׁ. עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פְלֵייש, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ גֶדֶר נָאר צוּ עֶסְן פְלֵייש אִין שְׁטוּבּ. נָאכְדֶעם אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען אִין אַ צְוֵוייטֶע פְלַאץ שְׁלָאפְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, מֶען הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר אַ שָׁעָה צְוֵויי.

זִיבְּן אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי הָאט לֵייבִּי אַפֶּעל גֶעוֶועקְט דֶעם עוֹלָם, מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם שׁוּל פוּן רְמָ״א, דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רְמָ״א. מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע בַּקָּשׁוֹת, מִיר זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן תּוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב׳ס צִיּוּן, צוּם הֵיילִיגְן

בַּ"ח און צום הֵיילִיגְן מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת; בַּיי יֶעדֶע צִיוּן הָאבְּן מִיר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי בַּקָשׁוֹת.

## רַאדָאמְסְק

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין רַאדָאמְסְק. אוֹיפְן וֶועג הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ רֶעדְן און עֶנְטְפֶערְן פְרַאגֶעס, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָפְּגֶעמַאטֶערְט. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים, אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און תִּיקוּנִים, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדְרִימְלְט. מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין רַאדָאמְסְק בְּעֶרֶךְ עֶלְף אַזֵייגֶער, צוּם עֶרְשְׁט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'ן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁמַאקֶע קַאלְטֶע מִקְוֶה, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶע'טוֹבֵל'ט. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית דָארְט, מֹשֶׁה עֶקְשְׁטֵיין אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, תִּיקוּן הַכְּלָלִי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת און בַּקָשׁוֹת, און פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין וַוארְשָׁא צוּרִיק קַיין אַמֶעריקֶע, אוֹיפְן וֶועג בִּין אִיךְ גֶעשְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט.

מִנְחָה הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט אִין עֶירְפָּארְט. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אִין עֶירְפָּארְט הָרַב רֶבִּי חַיִּים יַעֲקֹב רוּבִּין שְׁלִיטָ"א מַיין מְנַהֵל פוּן סַאטְמֶערֶע חֵדֶר אִין בָּארָא פַּארְק, אִיךְ הָאבּ אִים בַּאגְרוּסְט און אִים בַּאדַאנְקְט; אִיךְ הָאבּ הַכָּרַת הַטוֹב פַאר אַלֶע מַיינֶע מְלַמְדִים און מְנַהֲלִים.

אוֹיפְן פְלִיגֶער בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן נֶעבְּן הָאַבְרֵךְ שַׁבְּתִי מִזְרָחִי, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם עָתִיד פוּן שְׁטֶעטְל, וִוי מֶען קֶען מַאכְן מֶער בִּילִיגֶערֶע הַייזֶער און וִוי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס אוֹיסְשְׁטֶעלְן.

## נְיוּ יָארְק

דִינְסְטָאג נַאכְט זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין נְיוּ יָארְק, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב אִין עֶירְפָּארְט און גֶעצֵיילְט סְפִירָה י"ג לָעֹמֶר, יְסוֹד שֶׁבִּגְבוּרָה.

...

טֵייעֶרֶער ..., זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי אִין שְׁטֶעטְל הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעכַאפְּט מִיט

אַ מִשְׁנַיוֹת, דִיךְ גֶעזֶען זָאגְן אַ שְׁטִיק צַייט מִשְׁנַיוֹת אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט, הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיק לֶעבְּן. זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי, אַלֶעס בִּיז אַהִין אִיז זַייעֶר פֵּיין אוּן וואוּיל, אָבֶּער וֶוען אִיךְ זֶע אַ אִינְגֶערְמַאן מִיטְן מִשְׁנַיוֹת - אִיז גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דוּ בִּיסְט גוּט מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד - דֶער אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם לַ"ג בָּעֹמֶר וֶועל אִיךְ זַיין אִין מִירוֹן. אִיךְ פָּאר מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מַאךְ בַּר מִצְוָה מַיין נַחְמָן נָתָן. דוּ גֶעדֶענְקְסְט דָאךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן, דוּ בִּיסְט יֶענֶעם זוּמֶער אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, זוּמֶער שְׁנַת תש"ע. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף דִי יְשִׁיבָה, דִי פְּרָאטֶעסְטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען יֶענֶע טֶעג.

יֶענֶעם פֶּסַח הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז אַזוֹי וֶועלְן זֵיי מִיךְ אָפְּשְׁוַואכְן אוּן אִיךְ וֶועל פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה. לְמַעֲשֶׂה, מִיט דִי חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - הָאבְּן מִיר גָאר דֶעמָאלְט גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר. הַיינְט צוּ טָאגְס הָאבְּן מִיר שׁוֹין פִּינְף תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, אוּן ווִי עֶס זֶעט יֶעצְט אוֹיס וֶועלְן מִיר עֶפֶענֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין בְּנֵי בְּרַק, וְרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוֹמֶרֶת כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, מִיר הוֹיבְּן אָן הַיינְט אַ פְּרִישֶׁער זְמַן אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ מִיט פְּרִישֶׁע בָּחוּרִים, זֵיי לֶערְנֶען דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...